בנוגע פרשת "וויים וואלהענדלער ניימאן"

בס"ד

ב' דר"ח אייר תשע"א לפ"ק

לכבוד מיינע טייערע חשובע עלטערן שיחי'

אחדשה"ט באה"ר

אזוי ווי איר זענט אלע באקאנט אין מיין מצב, וויל איך מיט אייך אויסשמועסן וויכטיגע פונקטן כדי מיר זאלן זיך פארשטיין.
אלס טאטע פון מיינע קינדער שיחי' איז מיר אוממעגליך זיך צו פארהוילן פון זיי ספעציעל איצט ווען זיי שפירן זיך געענגט.
אין די לעצטע פאר חדשים ווען זיי האבן נישט געקענט האבן קיין שייכות מיט מיר, איז מיר אויסגעקומען זיי צו טרעפן דא און דארט, זייער מיטמאכעניש האט גערעדט פון זיך אליינס בלויז פון קוקען אויף זייער פנים, דאס אז זיי קענען נישט האבן קיין שייכות מיט זייער טאטע איז פאר זיי א גרויסע ווייטאג, ספעציעל אז פון זייער מאמע באקומען זיי נישט דאס נויטיגע ליבשאפט.
אויך יעצט ווען זיי זענען צוריק געקומען נאך יום טוב פון מאנטריאל האט געדויערט א לאנגע צייט ביז זיי זענען אביסל צו זיך געקומען, זיי זענען צוריק געקומען פון מאנטריאל זייער צעשאקלט.

יעצט ווען מיר שטייען פאר א שייד-וועג, צו זאלן מיר לאזן די קינדער שיחי' פארן זיך באזעצן אין א פרעמדע מדינה, וואס מיינע אינגלעך זענען דערקעגן, זיי ווילן נישט טוישן חדר, און זיי ווילן זיין נעבן זייער טאטע, זיי זענען שוין צעקלאפט פון זייער פילע מיטמאכענישן פון ביז יעצט, ווי אזוי מעג און קען א טאטע זיי דערלאנגען אזא אומפארגעסליכע פראסק, איז דען דאס נישט א שאלה פון פיקוח נפש? און דאס אלעס איז אפילו זיי זאלן יא קומען פאר וויזיטעשן, אבער ווי מיר אלע פארשטייען אז אויב מיר לאזן די קינדער שיחי' פארן אויף מאנטריאל איז דאס כמעט ווי זיכער אז זיי וועלן נישט קומען אויף קיין באזוך, עס איז מיר גאר וויכטיג אין די צייט אז איר זאלט מיר שטיין צו הילף און מיר העלפן ראטעווען מיינע קינדערלעך שיחי'.

א יישר כח
קלמן יהושע